Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem

NAJER FOLKSBLAT פרייז 15 גראשען

היינט 10 זייטען

# נייער פאלקסבלאט

№ 110 | Łódź, Poniedziałek, 12 maja 1935 r. | דרייצענטער יאהרגאנג | לאדז, מאנטאג, י' איר תרצ"ה | № 110

Adres Redakcji i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 224-71. — אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע: לאדז, פעטריקאווער 21, טעל. 224-71

# געשטארבן מארשאל יוזעף פילסודסקי

## דאס גאנצע לאנד אין טרויער

ווארשא, 12 (טעלעפאניש)

היינט איז געשטארבען יוזעף פיל-סודסקי, דער ערשטער מארשאל פון פוילען.

א זייגער 8 מיט 45 מינוט אין אוונד האט מארשאל פילסודסקי אויסגע-הויכט די נשמה אין פאלאץ פון בעל-ווערער.

אין מאמענט פון אפשטארבען איז ביים מארשאלס קראנקען-בעט געשטא-נען די פאמיליע און פארשטעהער פון דער רעגירונג.

פארן אפשטארבען האט אפגע-ריכט א תפילה דער גלח ה'ה. וולא-דיסלאוו קארניאלאוויטש.

### די קראנקהייט

ווארשא, 12 (טעלעפאניש)

מארשאל פילסודסקי איז קראנק געווארען מיט עטליכע חדשים צוריק.

דעם קראנקען מארשאל האבען געהיילט פראפ. ווענקעריך פון וויען און גענעראל ד"ר רופערט.

לעצטענס האט דער געזונד-צושטאנד פון מאר-שאל שטארק זיך פערערגערט. די דאקטוירים, וועל-כע האבען געהיילט דעם קראנקען מארשאל האבען פעסטגעשטעלט א ראק פון מאגען און לעבער.

שבת דעם 11 מאי האט דער צושטאנד פון מארשאל שטארק זיך פערערגערט; ער האט בעקו-מען א בלוט-שטורץ אין מאגען, וואס האט דערפיהרט צום טויט, וועלכער איז געקומען היינט 8.45 אוונד

### די באלזאמירונג

ווארשא, 12 (טעלעפאניש)

דעם טויטען קערפער פון מארשאל פילסודסקי האט באלזאמירט פראפ. ווענגעבאך.

בעת זיין קראנקהייט האט מיט'ן מארשאל פיל-סודסקי זיך פערנומען פולק. ד"ר מאזאלאווסקי און מאיאר ד"ר כולאנאוויטש.

### ווענדונג פון מלוכה-פרע-זידענט צום פאלק

ווארשא, 12 (טעלעפאניש)

דער מלוכה-פרעזידענט איגנאצי מאשטשי-צקי האט נעכטען אין אוונד געהאלטען א רעדע, וואס האט ענטהאלטען פאלגענדע ווענ-דונג:

צו די בירגער פון דער רעפובליק!

מארשאלעק יוזעף פילסודסקי האט פער-ענדיגט זיין לעבען.

דער פערשטארבענער האט זיין לעבען לאנג פערקערפערט מיט זיך דעם געניוס פון שעפע-רישען געדאנק און שטארקען ווילען. אויס-שליסליך מיט די אייגענע כוחות האט יוזעף פילסודסקי געפיהרט אלע זיינע יאהרען א פער-עקשנ'טען קאמף פאר דער אונאפהענגיקייט פון פוילען. די בעפרייאונג פון דער פוילישער ערד און פון פוילישען פאלק איז געווען די לע-בענס-מיסיע פון דעם, וועלכער האט מיט שטאלץ געטראגען די פאהן פון פוילישען גייסט.

פאר זיין מיהפולער ארבייט האט פילסוד-סקי געזעהן ביי זיין לעבען די לעבעדיגע פרוכט פון תחית-המתים אויפגעשטאנענעם פוילען, די שטארקע לעבעדיגע ארמעע.

ער האט אונז איבערגעלאזען א ירושה, וועלכע מיר דארפען טראגען מיט גרויס מסירת נפש.

די פעהנער פון פוילען זענען פערהילט אין טרויער צוליבן אונאפשעצבארען פערלוסט פון גרויסען פוילישען העלד.

אין מיטען ברען פון זיינע שעפערישע אויפ-טוען לטובת זיין לעבענס-ווערק פוילען, האבען זיינע פיזישע כוחות לעצטענס זיך אויסגעלאזט.

דאס פוילישע פאלק דארף אבער געפינען די טרייסט אין דער גרויסער ירושה פון שטאר-קען געדאנק און שעפערישען ווילען, וואס דער קעמפער און בעפרייער פון פוילען האט אי-בערגעלאזט.

פרעזידענט איגנאצי מאשטשיצקי

ווארשא, שלאס, 12 מאי 1935.



### דער לעצטער טאג

ווארשא, 12 (טעלעפאניש)

די מעדיצינישע אויפזיכט איבער'ן מארשאל פילסודסקי בעת זיין קראנקהייט האבען געהאט געגן. ד"ר סטאניסלאוו רופערט און פולק. ד"ר סטעפאן טוקאנאוויטש.

דער נעכטיגער בלוט-שטורץ האט אפגעשוואכט דאס הארץ פון קראנקען מארשאל, וואס עס האט גורם געווען דעם גיכען טויט.

### איבערגעריסען די ראדיא-אודיציעס

ווארשא, 12 (טעלעפאניש)

צוליב'ן טויט פון מארשאל פילסודסקי האט דער פוילישער ראדיא איבערגעריסען די אודיציעס און אין משך פון א גאנצער נאכט איבערגעגעבען קאמוניקאטען אין שייכות מיט'ן טויט פון מאר שאל פילסודסקי.

* * *

עס איז געשטארבען מארשאל יוזעף פיל-סודסקי.

די ידיעה האט ווי א שארף מעסער זיך איינגעשניטען אין הארץ פון דער עפענטליכ-קייט אין פוילען.

דאס לאנד איז געהילט אין טיפען טרויער צוליבן אוועקגעהן אין זיין אייביגער רוה פונם שעפער און הויפט-פילאר פון ניי-אויפגעלעב-טען פוילען.

דער טויט פונם רעפרעזענטאנט פון דעם עכטען, אומגעפעלשטען פוילישען ריטער האט אין אלעמענם הערצער ארויסגערופען א בע-גרעניצטען ציטער. דען אין אונזער צושרויפ-טער צייט פון פאליטישער וואקכאנאליע, וועל-כע פאדערט ענטשלאסענקייט און זאך-פער-שטענדניש פאר די אנגעלעגענהייטען פון טאג, פארן פראצעס פון היסטארישע געשעהענישען — האט די באמת -וואונדערבארע טעטיגקייט פון מארשאל יוזעף פילסודסקי ארויסגערופען די פערדינטע אנערקענונג ביי די ברייטסטע שיכטען פון פאלק.

זיין טיף עמפינדליכע נאטור האט מארשאל פילסודסקין אין די יאהרען פון זיין שטייגען אויפן לייטער פון דער שאפונג און ענטוויקלונג פון דער אונאפהענגיגער פוילישער מלוכה איהם ארויסגערוקט אין סאמע אויבענאן פון מלוכה-שאפערישע מעשים, מיט וועלכע ער האט דער-ווארבען פאר פוילען אנ'אנגעזעהן ארט אין דער פעלקער-משפחה אין אייראפא.

נישט אומזיסט איז דער נאמען פון מאר-שאל פילסודסקי שטענדיג געשטעלט געווארען אין איין רייה מיט די נעמען פון די גרויסע מלוכה-מענער פון די גרויס-מאכטען. פילסוד-סקי איז, אהן גוזמאות, געווען דער סינאנים פון וואהרהאפטער ריטערליכקייט און הויכער פאלקס-פיהרערשאפט.

דער טיפער רעספעקט, וועלכען דאס פאלק האט ארויסגעוויזען — און וועט עס אייביג ארויסווייזען — דעם פאטער פון נייעם, בע-פרייטען פוילען, איז נישט קיין יראת-הכבוד מחמת מוז. די ערפורכט, דער הויכער כבוד, מיט וועלכען דער בעפרייער פון פוילען איז ארומגערינגעלט איז א קוואליגער, אזא, וואס ווארצעלט אין אלע שיכטען פון דער בעפעל-קערונג, וואס בעוואוינט דאס היימלאנד פוילען.

דעם טיפען כבוד, וואס מען ווייזט ארויס יוזעף פילסודסקין, דעם שעף פון דער נייער פוי-לישער מלוכה, דעם ערשטען פוילישען מאר-שאל, דעם העכסטען פיהרער פון דער פוילישער בעוואפענטער מאכט איז, דער אויסדרוק פון הויכען לויב און אנערקענונג פארן מאן, וועל-כער האט מיט זיין גאנצען לעבען, קאמף און שאפען בעשאפען דאס גרויסע וואונדער, וואס איז שוין אריינגעשריבען אין די בלעטער פון דער וועלט-געשיכטע מיטן שטאלצען נאמען: פוילען. און פוילען בעדייט — יוזעף פילסוד-סקי.

פאר אונז, יודען, איז דער פערלוסט פון מאר שאל יוזעף פילסודסקי ביים איצטיגען מאמענט בעזונדערס פיהלבאר.

צוזאמען מיטן גאנצען פוילישען פאלק זע-נען מיר, יודען פון פוילען, שווער געטראפען מיטן טויט פון גרויסען פאלקס-מנהיג יוזעף פילסודסקי.

